# פרשת לך לך ה׳ – י״א חשון תשע״ז לפ״ק

***יום ראשון פרשת לך לך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפילין לבן הר״ר **יוסף אלי׳ קנאפפלער** הי״ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט״א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר״ר **בנציון מאיר בראכפעלד** הי״ו, שהתקיים באולם בית שרה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או״ח הל׳ נטילת ידים סימן קס״א סעיף א׳) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה האבן מיר געלערנט, אז דער אייבערשטער האט געהייסען פאר נח, צהר תעשה לתיבה, ער זאל מאכען א צהר פאר די תיבה. רש״י ברענגט צוויי פשטים וואס דער צהר איז געווען, צו עס איז געווען א פענסטער, צו עס איז געווען א אבן טובה. אז ער האט אריינגעברענגט א שיינע שטיין וואס האט געלאכטן, און דאס האט ליכטיג געמאכט אין די תיבה. די מפרשים זענען מבאר לפי דרכם, אין וואס עס ווענדט זיך די מחלוקת, צו דער אייבערשטער האט געהייסען לייגען א שטיין, צו ער האט אים געהייסען לייגען א פענסטער.

**אין** מדרש (ב״ר לד-יא) איז דא א מחלוקת, צו שמשו המזלות בשעת המבול, צו נישט. צו די זון און די לבנה האבן פונקציאנירט דעם גאנצן יאר פונעם מבול, צו נישט. איין דעה איז דא, אז עס איז געווען אזוי ווי אלע טעג, צופרי האט אויפגעשיינט די זון, און ביינאכט איז עס אונטערגעגאנגען. איין דעה איז דא, אז לא שמשו המזלות, די זון און די לבנה האבן זיך אפגעשטעלט, און זיי האבן נישט געארבעט.

**עס** קען זיין א הסבר פארוואס עס איז לא שמשו המזלות, פארוואס די זון און די לבנה האבן נישט משמש געווען. וואס זענען די מזלות שולדיג אז עס איז דא א מבול, אז וועגן דעם זאלן די זון און די לבנה נישט ארויפקומען. עס שטייט אין מדרש (תנחומא אחרי ט) אז בשעת יהושע איז אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, האט ער געזאגט, שמש בגבעון דום (יהושע י-יב), די זון זאל זיך אפשטעלן אין גבעון. און די זון האט געזאגט פאר יהושע, ווען איך גיי, זאג איך שירה פארן אייבערשטען, אזוי שטייט אין פסוק (מלאכי א-יא) ממזרח שמש ועד מבואו גדול שמי בגויים, און אז איך וועל זיך אפשטעלן, וועל איך נישט קענען זאגן שירה פארן אייבערשטען, איך זאג נאר שירה בשעת איך גיי, ווי אזוי קענסטו מונע זיין, אז איך זאל נישט זאגן שירה פארן באשעפער. האט יהושע געזאגט, שמש בגבעון דום, ער האט נישט געזאגט שמש בגבעון ׳עמוד׳, שטעל זיך אפ, נאר ער האט געזאגט ׳דום׳, זיי שטיל, זאלסט נישט זאגן שירה. האט דער זון געפרעגט, ווער וועט דעמאלטס זאגן שירה, אז איך וועל נישט זאגען. האט יהושע געזאגט, איך וועל זאגן שירה אנשטאט דיר. אזוי שטייט אין פסוק (יהושע שם) אז ידבר יהושע, יהושע האט געזאגט שירה, און די זון האט זיך אפגעשטעלט. זעהט מען, אז בשעת דער זון גייט, זאגט עס שירה פארן אייבערשטען.

**די** גמרא (מגילה י:) זאגט, אז ביי קריעת ים סוף האבן די מלאכי השרת געוואלט זאגן שירה, האט דער אייבערשטער געזאגט, מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה. דער אייבערשטער וויל נישט הערן שירה, ווען עס איז מעשה ידיו טובעים בים. און אז ביי די מצרים, ווען עס איז געווען מעשה ידיו טובעים בים, האט דער אייבערשטער נישט געוואלט הערן שירה, איז דאך א כל שכן אז ווען עס קומט א מבול, און דער גאנצער וועלט גייט חרוב ווערן, איז אוודאי אז דער אייבערשטער האט נישט געוואלט הערן שירה אין די צייט. און וועגן דעם לא שמשו המזלות, דער אייבערשטער האט נישט געלאזט אז די זון און די לבנה זאלן ווייטער גיין, שטעלטס ענק אפ, ווייל יעצט איז נישט קיין

צייט צו זאגן שירה, און וועגן דעם זענען די מזלות נישט ארומגעגאנגען א גאנץ יאר.

**לויט** דעם קומט אויס בפשטות, ווען איך לערן אז שמשו המזלות, און עס איז געווען ליכטיג אינדרויסן, האט ער געקענט האבן א פענסטער און נהנה זיין דערפון. אבער ווען איך לערן אז לא שמשו המזלות, און עס איז נישט געווען א ליכטיגקייט אינדרויסן, וואס דארף ער האבן דעם פענסטער, פון די פענסטער וועט אויך נישט אריינקומען א ליכטיגקייט. וועגן דעם האלט דער מאן דאמר, אז ער האט געהאט א אבן טובה, און דאס האט אים ליכטיג געמאכט.

**איך** האב געזען אין **תפארת יונתן** (בפרשתנו ד"ה עוד כל ימי הארץ), אז ער ברענגט צו א קשיא פונעם **מזרחי**, אויב מען זאגט אז לא שמשו המזלות, אז עס נישט געווען קיין זון און א לבנה, און עס איז געווען טונקל די גאצע צייט פונעם מבול, ווי אזוי האט נח ארויסגעשיקט דעם יונה לראות הקלו המים, אז ער זאל קוקן וואס טוט זיך אינדרויסן. לא שמשו המזלות, עס איז דאך טונקעל, מען זעהט נישט. ווי אזוי קען זיין אז ער האט ארויסגעשיקט די יונה.

**זאגט** דער **רבי ר' יונתן**, אז דאס וואס מען זאגט לא שמשו המזלות, מיינט נישט צו זאגן אז דער אייבערשטער האט צוגענומען די זון מיט די לבנה, און ער האט עס באהאלטן אז עס זאל נישט לייכטן. נאר די זון איז געבליבן שטיין אויף די נקודה, וואס ער איז געווען ווען נח איז אריינגעגאנגען אין די תיבה. די וועלט, איז די האלבע וועלט ליכטיג, און די צווייטע העלפט איז טונקל. ווען נח איז אריינגעגאנגען אין די תיבה, איז געווען מיטאג, בעצם היום הזה בא נח וגו' אל התיבה (ז-יג), איז יענע העלפט וועלט וואו נח איז געווען, געווען ליכטיג, און יענע העלפט פון די וועלט איז געבליבן ליכטיג א גאנץ יאר. און די אנדערע העלפט פון די וועלט וואס איז דעמאלטס געווען טונקל, איז געבליבן טונקל אויף א גאנץ יאר. קומט אויס, אז ווען נח איז אריינגעגאנגען אין די תיבה, אפילו איך זאג אז לא שמשו המזלות, מיינט עס נאר אז די זון מיט די לבנה זענען נישט ארומגעגאנגען, אבער אויף דעם פלאץ איז געבליבן ליכטיג די גאנצע צייט. ממילא האט נח געקענט האבן א חלון אין די תיבה, וואס פון דארט איז אריינגעקומען די ליכטיגקייט, און מען האט געקענט זעהן, ווייל אויף דעם פלאץ איז געבליבן ליכטיג.

**זאגט** דער **תפארת יונתן**, אז וויבאלד די פלאץ איז געווען ליכטיג, ווען די תיבה האט שפעטער גערוהט על הרי אררט, וואס דאס איז נאנט צו ארץ ישראל, וואס דארט איז געבליבן ליכטיג א גאנץ יאר, האט ער געקענט ארויסשיקן די יונה, ווייל דארט האט דער יונה געקענט זעהן. איזביידע אמת, עס איז לא שמשו המזלות, אבער ער האט געקענט ארויסשיקן די יונה צו זעהן וואס עס טוט זיך אינדרויסן, הקלו המים צו נישט.

**דאס** וואס נח איז געווען אין די תיבה און עס איז געווען ליכטיג, איז נאר געווען אין די צייט וואס די תיבה איז געווען אויף דעם פלאץ וואו עס געווען ליכטיג, און דעמאלטס האט ער געקענט נהנה זיין פון די פענסטער. אבער ווען עס איז געווען ותרם מעל הארץ (ז-יז), ווען די תיבה האט אנגעהויבן צו שווימען, עס איז געווארן א שיף, האט דאך עס אנגעהויבן ארויסצוגיין פונעם פלאץ, און עס האט געוואנדערט, איז דאך די תיבה אנגעקומען דעמאלטס אויף די צווייטע העלפט וועלט, אויף אזא פלאץ וואס עס איז געווען טונקל, האט ער דאך גארנישט געהאט פונעם פענסטער וואס ער האט געמאכט, האט ער געדארפט האבן א אבן טובה, כדי אז ווען עס גייט ארויס פון די געגנט פון די ליכטיגקייט, זאל ער אויך קענען זעהן. איז ממילא אלו ואלו דברי אלקים חיים, ביידע זענען אמת. ער האט געמאכט א חלון התיבה, און דער חלון התיבה האט אים געניצט אויף דעם פלאץ ווי עס איז געווען ווען עס איז געווען ליכטיג. אבער ווען עס איז ותרם מעל הארץ, ווען די תיבה האט זיך אויפגעהויבן, דעמאלטס איז געווארן טונקל, דעמאלטס האט ער געדארפט האבן א אבן טובה.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **חיים וויינבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **צבי**

**פעלבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של החתן **מרדכי** נ"ו, בן הר"ר **שלמה העללער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בעריש וועבער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **ברוך הערשקא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ישראל רוטנער** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום שני פרשת לך לך***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אפרים הערשקא** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הרה"ג רבי ישראל טויסיג שליט"א** אב"ד בעלעד להזמין את **רבינו שליט"א** לנישואי בתו בשעטו"מ.

***וזה תוכן השיחה:***

**אב"ד בעלעד:** לכבוד די שמחה דרוק מען איבער דעם ספר **תפארת יחזקאל**, עס איז זייער שיין אויסגעארבעט. און מען האט געמאכט א נייע ספר **על ישראל הדרתו**, פון מיין זיידען **הגה"צ רבי ישראל טויסיג זצ"ל** ממאטעסדארף, אבער דאס איז היסטאריע.

**רבינו:** עס איז דא פון אים דער ספר **בית ישראל**.

**אב"ד בעלעד:** מען האט עס אויסגעשטעלט זייער שיין, לויט ענינים. מען האט באשריבען די רבנים וואס זענען געווען פונעם **רמ"א** ביז מיין זיידען, דור אחר דור, עס איז זייער זייער שיין אויסגעקומען. איך האב עס נאכגישט באקומען פון ארץ ישראל, איך וועל עס אי"ה אריינברענגען.

מיין באבע איז אוועק צוויי וואכן צוריק, זי איז געווען בזיווג שני חתונה געהאט צו **רבי אברהם איגר**, דער **לובלין'ער רבי** פון בני ברק.

**רבינו:** ער איז געווען א חשוב'ער יוד.

**אב"ד בעלעד:** איך בין אויפגעוואקסען ביי אים אין שטוב אסאך יארן. אלע גדולי ישראל האבן זיך געדרייט ביי אים.

פון ווי האט אים דער רב געקענט?

**רבינו:** ער איז געווען דאהי א שטיק צייט. בערך תשכ"ד-כ"ה, און ער איז איינגעשטאנען ביי רבי מענדל איגר. און רבי מענדל האט געוואוינט אקעגען איבער אונזער בית המדרש [סאמבאטהעלי], און רבי מענדל פלעגט צו דאווענען ביי אונז אינדערוואכן, שבת האט ער געדאווענט אין דעם גור'ער שטיבל. דער **לובלין'ער רבי** איז געווען א אדם חשוב מאד[א].

**אב"ד בעלעד:** ער האט מיר אמאל פארציילט אז נאכן קריג האט ער זיך נישט געוואלט רופן לובלינער רבי. ער איז געווען א נעפיו פונעם **בית ישראל**, דער **בית ישראל** איז געווען בזיווג שני א איידעם ביי **רבי דוד ווײדענפעלד ז"ל**, און **רבי שלמה איגר מלובלין** איז אויך געווען א איידעם דארט. און דער **בית ישראל** האט אים געזאגט, אז ער דארף ווערן רבי, האט ער געזאגט, אז ער האט נישט פאר וועם, עס איז נישט געבליבן קיין חסידים פונעם טאטן. האט ער אים געזאגט, אז ער דארף האלטן דעם נאמען.

דער **לובלינער רבי** פלעגט דאווענען שחרית אין די איצקאוויטש שטיבלעך, ער איז געגאנגען דאווענען אכט אזייגער, און ער האט געדאווענט שחרית ביז

---

[א] נעתיק דברי ההספד שנשא **רבינו שליט"א** ביום ז' אדר תשס"ג לפ"ק, וזה לשונו: **הגה"צ רבי אברהם איגר זצ"ל האדמו"ר מלובלין** בבני ברק, היה זקן קרוב לתשעים, איש קדוש וטהור, מופלג בעדינותו, כמעט לא יצא מפתח ביתו, עסק בתורה תמיד, ופשטן בצדקותו. זכיתי להכירו כאשר היה פה מלפני שלשים שנה, והיה גר בשכנותינו והתפללנו יחד כמה שבועות בבית מדרשו של **אבא מארי זצ"ל**, התפלות שלו היו בהשתפכות הנפש באש להבה, והיה רגיל בתענית הראב"ד, וישן מעט, ותמיד היה מדבר מהשחתת הזמן בשינה. **והגאון רבי שמואל וואזנער שליט"א** [זצ"ל] אמר, שכשהוא מסתכל עליו הוא מזכיר דמות דיוקנו של זקינו **רבי עקיבא איגר זצ"ל**, איך היה צורתו מאיר.

צוועלף אזייגער. ער איז געגאנגען פון איין מנין צום אנדערן. מען האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער דאווענט אזוי לאנג. האט ער געזאגט, איך דאווען נישט לאנג, מיין איידעם, דער **אמשינאוווער רבי** פון ירושלים, ער דאווענט לאנג.

ער האט מיר אמאל פארציילט, אז נאך די חתונה פון זיין איידעם, דער **אמשינאוווער רבי**, איז זיין הנהגה געווען זייער פלא'דיג. ער האט געוואוסט אז ער איז א חשוב'ער יונגערמאן, אבער ער האט געמיינט אז אפשר איז עס... ער איז נאך געווען א יונגערמאן, און ער האט געדאווענט שעות, און מוצאי שבת האט ער גע'ענדיגט שפעט, און עס איז אים נישט אזוי געפאלען. און ער האט געמיינט אז אפשר דארף מען אים אפירנעמען. ער איז געווען א שטארקער ידיד מיטן **לעלוב'ער רבי, רבי משה מרדכי זצ"ל**, האט ער אים געפרעגט, וואס זאל איך טון, איך האב גענומען א איידעם, און ער מאכט הבדלה זונטאג אינדערפרי. האט ער אים געזאגט, איך קען דיין איידעם, לאז עס גיין.

**אחר כך דיברו בענין כתיבת השמות החתן והכלה בשטר כתובה, וכמה שאלות המסתעפים בזה וכיבדו רבינו לברך על היין**

**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, אין א מזל'דיגע שעה, קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה מתוך נחת און הרחבת הדעת, און זעהן אסאך יודיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

**אב"ד בעלעד:** אונז מאך מיר א קהלה שבע ברכות מוצאי שבת, אויב עס שייך וועט עס זיין א גרויסער כבוד, אז דער רב וועט זיך משתתף זיין.

**רבינו:** אי"ה, מיטן אייבערשטענס הילף.

**ונפרדו לשלום**

*

***יום שלישי פרשת לך לך***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יהודא כהנא** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה איז די מצוה פון מילה, דער אייבערשטער האט מצווה געווען אברהם אבינו אז ער זאל מל'ן זיך מיט יצחק מיט די קינדער שפעטער. די תורה הייבט אן, אני א"ל שד"י התהלך לפני והיה תמים (בראשית יז-א), דער באשעפער האט זיך געגעבן דעם טיטל, אז ער איז דער א"ל שד"י, און התהלך לפני והיה תמים. דער אייבערשטער האט אסאך נעמען און תוארים וואס מען רופט אן דעם אייבערשטען, און געווענליך אז עס שטייט א תואר אויפן אייבערשטען, איז עס אזא טיטל וואס איז מיוחד מיט דעם ענין פון וואס מען גייט רעדן. וואס איז דער שייכות, אז ווען מען רעדט פון מצות מילה, האט דער אייבערשטער מדגיש געווען אני א"ל שד"י, התהלך לפני והיה תמים.

**רש"י** (בראשית מג-יד) טייטש דעם שם שד"י, מי שאמר לעולמו די, יאמר לצרותינו די. דער אייבערשטער זאגט, איך האב געזאגט פאר די וועלט אז עס זאל זיין די, זאלן אונזערע צרות אויך זיין די. עס שטייט אין נ"ך (זכריה ט-יא) אז אין זכות פון ברית מילה וועלן יודען ארויסגיין פונעם גלות, גם את בדם בריתך שלחתי אסיריך מבור אין מים בו. פון דעם וואס יודען וועלן מקיים זיין דם בריתך, וועט דער אייבערשטער אונז ארויסנעמען פונעם גלות. קומט אויס, אז מצות מילה האט אין זיך א סגולה אז מען זאל ניצל ווערן פון די צרות פונעם גלות. האט דער אייבערשטער מקדים געווען דעם נאמען שד"י, וואס דאס ווייזט אז מי שאמר לעולמו די יאמר לצרותינו די, אז דורך די מצוה פון מילה וואס מען וועט מקיים זיין, וועלן מיר זוכה זיין אז דער באשעפער וועט זיך באנוצן מיט די מדה פון יאמר לצרותינו די.

**וואס** איז דער ענין אז דער אייבערשטער האט מקדים געווען אויך די שם א"ל. עס שטייט אין פסוק (קהלת ד-יב) והחוט המשולש לא במהרה ינתק. דער פשוטער פשט איז, אז א חוט קען מען גרינג צונעמען, אבער א חוט וואס איז משולש, מען האט צוזאמגעדרייט דריי חוטים, איז פעסט, און מען קען עס נישט אזוי גרינג צורייסן. חז"ל (ב"מ פה.) דרשנ'ען עס, אז כל מי שהוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם. אויב עס איז דא א חוט המשולש פון דריי דורות תורה, דעמאלטס וועט די תורה אנהאלטן ביי די משפחה שפעטער

אויך, און לא במהרה ינתק, עס וועט זיך נישט אזוי שנעל צורייסן.

**עס** קען אפשר זיין אז עס ליגט דערין נאך א רמז. עס שטייט ביי די גאולה (זכריה יג-ב) ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ. בשעת עס וועט זיין די גאולה, וועט זיין א ריינע וועלט. דער באשעפער וועט מעביר זיין די רוח הטומאה, דער אייבערשטער וועט נעמען דעם יצר הרע, און ער וועט אים שחט'ן (סוכה נב.). דער אייבערשטער וועט מעביר זיין דעם יצר הרע, דעם רוח הטומאה, עס וועט ווערן א ריינע וועלט.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער יצר הרע, דער ס"מ, ווערט אנגערופן סמא"ל. די כח פונעם ס"מ, איז אין די אותיות א"ל, וואס דאס איז פון די קדושה, און דאס גיט די חיות פארן ס"מ. און ווען מען נעמט אוועק די אותיות א"ל פונעם ס"מ, דעמאלטס האט ער נישט אין זיך די כח פון קדושה. לעתיד לבא ווען עס וועט זיין רוח הטומאה אעביר מן הארץ, וועט דער אייבערשטער נעמען די אותיות א"ל פונעם ס"מ, און ער וועט עס אפטיילען, ער וועט צונעמען זיין חיות, און דורך דעם וועט זיין רוח הטומאה אעביר מן הארץ.

**אז** מילה איז גורם צו די גאולה, קומט אויס אז מילה איז גורם אז דער אייבערשטער זאל אוועקנעמען די אותיות א"ל וואס איז דא ביים ס"מ, כדי אוועקצונעמען זיין חיות. האט דער אייבערשטער מקדים געווען, אני א"ל שד"י, התהלך לפני והיה תמים, אז דו וועסט מקיים זיין די מצוה פון מילה, וועט זיין ביידע. אני א"ל, איך וועל צונעמען די שם א"ל וואס איז דא אין דעם ס"מ, און עס וועט נאר בלייבען ס"מ אליין. און שד"י, מי שאמר לעולמו די יאמר לצרותינו די. דורך דעם וואס דו וועסט מקיים זיין התהלך לפני והיה תמים, וועסטו גורם זיין אז דער באשעפער זאל זיך באנוצען מיט די צוויי שמות פון א"ל און שד"י.

**מצות** מילה באשטייט פון דריי חלקים, חיתוך, מען נעמט אוועק די ערלה. נאכדעם איז מען פורע די צווייטע עור, און נאכדעם איז דא מציצה. די דריי חלקי המילה איז א חוט המשולש, דאס איז א חוט וואס איז צוזאמגעדרייט פון דריי חלקים אין די מצוה. 'והחוט המשולש', ווען יודען זענען מקיים דעם חוט המשולש, מען איז מקיים מצות מילה כדינו, חיתוך, פריעה, און מציצה, 'לא', די אותיות ל"א וואס איז דא אינעם סמא"ל, 'במהרה ינתק', וועט שנעל ווערן אפגעריסען. עס וועט אוועקגענומען ווערן די אותיות א"ל וואס איז דא אינעם ס"מ. די חוט המשולש וועט גורם זיין, אז דער 'לא', די אותיות א"ל וואס איז דא אינעם ס"מ, 'במהרה ינתק', וועט ווערן אפגעטיילט, און מען וועט זוכה זיין צו די גאולה (ועיין עוד בגליונינו פרשת תזריע תשע"ו).

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **נפתלי יעקב ווערצבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **עזריאל מאיר קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

*

***<u>יום רביעי פרשת לך לך</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יחזקאל שימשאוויטש** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **חיים אליעזר הערשקא** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל דויטש** הי"ו, שהתקיים באולם פאלאס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יחזקאל שימשאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה אז דער אייבערשטער האט געהייסען פאר אברהם אבינו, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך. און אברהם האט אזוי געטון, ויסע אברם הלוך ונסוע הנגבה (בראשית יב-ט), אברם האט זיך אוועקגעצויגן, הלוך ונסוע, ער איז געגאנגען און געפארן, אז ער זאל אנקומען אויף דרום זייט. ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.), אלעס וואס די תורה שרייבט, איז דא א געוויסע לימוד וואס א מענטש דארף זיך ארויסלערנען.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז די חילוק צווישן א מענטש און א מלאך איז, אז א מלאך איז אין די בחינה פון א עומד, און א מענטש איז אין די בחינה פון א הולך. א מלאך, ווי אזוי ער איז געבוירן געווארן, אין דעם זעלבן מצב בלייבט ער שטענדיג, זיי טוען שטענדיג זאגן שירה פארן אייבערשטען. א מענטש איז נישט אזוי, א מענטש איז נישט א עומד, א מענטש איז א הולך, ער דארף אייביג גיין און שטייגען פון איין מדריגה צו די צווייטע מדריגה. ער ווערט געבוירן אלץ קליין קינד וואס ער קען גארנישט טון אין גשמיות, נאכדעם ווערט ער מער אנטוויקעלט, און נאך מער אנטוויקעלט, אלץ שטייגט ער פון איין מדריגה צו די אנדערע מדריגה. ביז בן ארבעים לבינה (אבות ה-כא), ביי די פערציג יאר קומט ער אן צו זיין שלימות. די זעלבע איז אין רוחניות, אלץ קליין קינד האט מען נאך נישט די השגות וואס מען האט ווען מען וואקסט אויף שפעטער. א יוד דארף שטענדיג זיין א הולך, גיין פון איין מדריגה צו די אנדערע מדריגה, ביז ער ווערט צוקומען צו זיין שלימות.

**חכמה** ווערט אנגערופן אין חז"ל די זייט פון דרום. הרוצה להחכים ידרים (ב"ב כה:), אז מען וויל זוכה זיין צו חכמה, זאל מען זיך בייגען בשעת דאווענען צו דרום זייט. וסימניך מנורה בדרום, די מנורה וואס ווייזט אויף חכמת התורה, איז אויך געווען אין בית המקדש אויף דרום זייט.

**ויסע** אברם, בשעת אברם האט זיך געצויגן, הלוך ונסוע, איז ער געווען א הולך, ער איז שטענדיג געגאנגען מער און מער, הנגבה, מיטן ציל אנצוקומען אויף נגבה, וואס דאס איז דרום זייט, וואס איז רומז אויף חכמה. דאס לעבן פון אברהם אבינו איז געווען, שטענדיג מוסיף צו זיין, צוצוקומען צו נאך א העכערע מדריגה, אין חכמת התורה און אין עבודת ה'.

**די** תורה איז אבער מקדים א הקדמה, אז מען וויל זיין הלוך ונסוע הנגבה, שטייט פאר דעם אין פסוק (יב-ח), ויעתק משם ההרה מקדם לבית אל. ויעתק משם, ער האט זיך אוועקגעצויגן פון דארט, ההרה, צו די זייט פונעם בארג, מקדם לבית אל, אויף די מזרח זייט פון בית אל. בית אל איז געווען אויף מערב, און ער איז געגאנגען מקדם לבית אל. דער הייליגער **חתם סופר** שרייבט אין א דרשה (**דרשות חתם סופר** תה.), אז דער יצר הרע ווערט אנגערופן אין חז"ל (סוכה נב.) א הר, א בארג. לעתיד לבא וועט דער אייבערשטער שחט'ן דעם יצר הרע, און צדיקים נדמה להם כהר, צו די צדיקים וועט ער דומה זיין צו א הר.

**אז** מען וויל זוכה זיין צוצוקומען צו א מדריגה אין עבודת ה', דארף מען די ערשטע זאך זיין אפגעהיטן פון א עבירה. סור מרע ועשה טוב (תהלים לד-טו), מען קען נישט זוכה זיין צום עשה טוב, ביז מען איז נישט אוועקגעגאנגען פונעם רע. זאגט דער **חתם סופר**, 'ויעתק משם ההרה', קודם האט ער אוועקגענומען דעם ההרה. קודם האט ער אוועקגענומען דעם הר, וואס איז א רומז אויפן יצר הרע. און דאס האט ער געטון, 'מקדם לבית אל', בעפאר ער האט זיך אריינגעזעצט אינעם בית, בעפאר ער האט זיך אריינגעזעצט אין בית המדרש עוסק צו זיין בתורה.

**זאגט** די תורה הק', נאכדעם וואס עס איז געווען ויעתק משם ההרה מקדם לבית אל, ווען ער האט שוין מסלק געווען אלע שלעכטס, און אזוי האט ער זיך אריינגעזעצט אינעם בית אל, ויסע אברם הלוך ונסוע הנגבה, דעמאלטס האט ער זיך געקענט ווייטער ציען, צו קענען נתעלה ווערן, און צוקומען צו חכמה.

**דער** חשובער בר מצוה בחור גייט יעצט אריין לעול המצות. ער איז א הולך, פון א קלענערע מדריגה וואקסט מען און מען שטייגט העכער. דארף קודם זיין ויעתק משם ההרה, קודם דארף מען זעהן מסלק צו זיין פון זיך אלע שלעכטס, זיך אפשיידען פון עולם הזה. און דאס דארף זיין מקדם לבית אל, בעפאר מען גייט אריין אינעם בית אל, און דעמאלטס איז מען זוכה אז הלוך ונסוע הנגבה, דעמאלטס קען מען שטייגען און נתעלה ווערן אין חכמת התורה.

*

***יום חמישי פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **מאיר ישראל פריעדמאן** הי"ו (בן הר"ר **לוי יצחק פריעדמאן** הי"ו, ב"פ), שהתקיים באולם שיקס מענאר.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בת ש"ב הרה"ג רבי **משה פרץ שווארץ** שליט"א רב דביהמ"ד קול אריה (לעיקוואד), עב"ג הרה"ג רבי **אהרן אלעזר קוסטליץ** שליט"א, שהתקיים באולם פאפא קידוש זאל.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בניו התאומים של הר"ר **יעקב לייב קויפמאן** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

***ערב שבת קודש פרשת לך לך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבניו התאומים של הר"ר **יעקב לייב קויפמאן** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יהודא אליעזר שלעזינגער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קאסאן. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות לפני הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בניו התאומים של הר"ר **ישעי' קאלמאן** הי"ו (בן הר"ר **אליעזר קאלמאן** הי"ו).

כמו כן התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הרב **אברהם צבי לייפער** שליט"א.

*

***שבת קודש פרשת לך לך***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אברהם ברוך באבאד שליט"א**.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי ישראל טויסיג שליט"א** אב"ד בעלעד, עב"ג בת **הרב חיים מאיר שטרייכער שליט"א** (חתן הרה"ג אב"ד יאקע שליט"א), שהתקיים באולם בית אסתר.

אחר השבע ברכות הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי שלמה גראס זצ"ל** דומ"ץ בעלזא בב"פ.